**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/4/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נייע רעקלאמעס פארשטעלנדיג קינדער דאקטוירים וועלכע מוטיגן עלטערן צו לאזן וואקסינירן זייערע קינדער**

***ענגלישע און שפאנישע שפראך רעקלאמעס וועלן איינגעפירט ווערן מיט קינדער דאקטוירים וועלכע זענען אויך עלטערן צו מוטיגן אנדערע עלטערן צו וואקסינירן זייערע קינדער קעגן קאָוויד-19***

***טייל פון VaxForKids# איניציאטיוו צו העלפן פארמערן קאָוויד-19 וואקסינאציע ראטעס צווישן פאסיגע קינדער אין ניו יארק, באלד 500 וואקסין פאַפּ-אָפּ ארויסגעשטעלט איבער׳ן סטעיט ביז אהער***

***אין ניו יארק סטעיט זענען 72.6 פראצענט פון יוגנטליכע (12 ביז 17 יעריגע) פולשטענדיג וואקסינירט, 36 פראצענט פון קינדער (5 ביז 11 יעריגע) זענען פולשטענדיג וואקסינירט***

***לעצטערע פארשונג ווייזט פולשטענדיג וואקסינירטע קינדער (5 ביז 17 יעריגע) באשיצט פון קאָוויד-פארבינדענע האספיטאליזאציעס מיט ווייניגסטנס 65 פראצענט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס איינפירן נייע מידיע רעקלאמעס אויפצוטרייבן וואקסינאציע ראטעס צווישן קינדער אין ניו יארק סטעיט. די מידיע קאמפיין איז בלויז די לעצטער שטאנדטייל פון דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט׳ס VaxForKids# איניציאטיוו, וועלכע פירן די אדמיניסטראציע׳ס אנטשלאסנקייט צו מאכן די געזונט און וואוילזיין פון קינדער און פאמיליעס א הויפט פריאריטעט.

״דער קאָוויד-19 וואקסין איז דאקטאר-באשטעטיגט, און עס איז דאס איינציג-בעסטן מיטל צו היטן אונזערע קינדער און פאמיליעס פון ווערן ערנסט קראנק אדער האספיטאליזירט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער נייער מידיע קאמפיין וועט העלפן פארזיכערן אז עלטערן וועלכע הערן דירעקט פון קינדער דאקטוירים און צוטרויליכע העלטקעיר פראָוויידערס, כדי אז זיי זאלן וויסן ווי קריטיש-וויכטיג עס איז צו לאזן וואקסינירן זייערע קינדער. עלטערן און אויפציער, אויב איר האט עס נאכנישט געטון, ביטע רעדט צו אייער קינד׳ס דאקטאר איבער באקומען דמע וואקסין און דער בוסטער דאזע ווען זיי ווערן ראוי דערפאר.״

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״דער נייער מידיע קאמפיין טוט ווייטער שטיצן אונזער VaxForKids# קאמפיין דורך העלפן עלטערן און אויפציער זיך לערנען מער איבער די וויכטיגקייט פון וואקסינירן אונזערע קינדער פון זייער מערסט צוטרויליכע מקור, קינדער דאקטוירים. דער קאָוויד-19 וואקסין איז זיכער, ווירקזאם און עס וועט העלפן באשיצן צוגעפאסטע קינדער און יוגנטליכע אין די יארן 5 ביז 17 פון שווערע קראנקהייט און האספיטאליזאציע.״

דער נייער קאמפיין פיגורירט ארטיגע קינדער דאקטוירים פון לענגאויס ניו יארק סטעיט וועלכע שליסן זיך אן מיט גאווערנער האוקול און די סטעיט׳ס העלט דעפארטמענט אין מוטיגן עלטערן און אויפציער צו לאזן וואקסינירן די קינדער ראוי דערצו און צו פארזיכערן אז זיי בלייבן אָפ-טו-דעיט אויף אלע רעקאמענדירטע דאזעס. די דאקטוירים רעדן איבער די ווירקליכע ריזיקעס וואס קינדער שטייען אויס פונ׳ם ווירוס, איבערהויפט אויב זיי זענען אומוואקסינירט. דער קאמפיין רעכנט אריין 30-סעקונדע און 60-סעקונדע ווערסיעס פון די טעלעוויזיע רעקלאמעס סיי אין ענגליש און סיי אין שפאניש. די רעקלאמעס וועלן ארויסגיין אום מאנטאג, אפריל 4, און לויפן פאר עטליכע וואכן.

די נייע טעלעוויזיע רעקלאמעס קען מען געפונען דא:
30-סעקונדע ענגלישע שפראך ווערסיע.
60-סעקונדע ענגלישע שפראך ווערסיע.
30-סעקונדע שפאנישע שפראך ווערסיע.
60-סעקונדע שפאנישע שפראך ווערסיע.

לעצטערע פארשונג ווייזט אז פולשטענדיג וואקסינירטע קינדער אין עלטער פון 5 ביז 17 זענען באשיצט פון קאָוויד-פארבינדענע האספיטאליזאציעס מיט ווייניגסטנס 65 פראצענט.

**דר. לאורען וויינטרויב, קינדער אנקאלאג, אלבאני מעדיקעיד צענטער, אלבאני, ניו יארק, האט געזאגט,** ״ווען איך רעד צו מיינע פריינט און פאמיליע זאג איך, זעט, איך בין וואקסינירט געווארן און איך האב געלאזט וואקסינירן מיינע קינדער.״

**דר. אליסיע מאסאפ-פלאורעס, קינדער דאקטער, MVP קינדער דאקטאריי, קווינס, ניו יארק, האט געזאגט,** ״אזוי ווי די קינדער ביי מיין פראקטיצירונג זאגן, איך בין גע׳וואקס׳ט ביז׳ן מאקס.״

**דר. עלעין שולטע, קינדער דאקטאר ביי דער קינדער שפיטאל ביי מאנטעפיורע שפיטאל, בראנקס, ניו יארק, האט געזאגט,** ״יעדע איינציגע מיטגליד פון מיין פאמיליע איז פולשטענדיג וואקסינירט און גע׳בוסט׳עט.״

**דר. עליזאבעט מורעי, קינדער דאקטאריי עמערדזשענסי מעדיצין ביי גאליסאנא קינדער שפיטאל, ראטשעסטער, ניו יארק, האט געזאגט,** ״איך וואלט קיינמאל נישט רעקאמענדירט עפעס וואס איך וואלט נישט געהאלטן עס איז זיכער פאר מיינע אייגענע קינדער. און מיינע קינדער זענען וואקסינירט געווארן תיכף ווען זיי האבן געהאט די מעגליכקייט דערצו.״

**דר. איווע מעלצער-קריעף, קינדער דאקטער ביי האנטינגטאן ווילעדזש קינדער דאקטאריי, ׳אליאירטע קינדער דאקטוירים גרופע, האנטינגטאן, ניו יארק, האט געזאגט,** ״איך האב שטענדיג געזאגט פאר עלטערן אז איך האב וואקסינירט מיינע קינדער תיכף ווען איך האב געקענט. באלד ווי עס איז געווען פאר זיי צו באקומען.״

**דר. פיליפ היעווענער, קינדער דאקטער ביי ׳גוטרי׳, ביג פלעטס, ניו יארק, האט געזאגט,** ״איך האב דריי קינדער, און איך האב זיי אלע וואקסינירט. איך וואלט קיינמאל נישט געטון פאר מיינע קינדער עפעס וואס איז נישט גענצליך זיכער און אפגעהיטן.״

דער סטעיט האט לעצטנס איינגעפירט א סעריע אונטערנעמונגען צו העכערן וואקסינאציע און בוסטער ראטעס צווישן בארעכטיגטע קינדער און יוגנטליכע. ביז היינט זענען איבער 261 פּאַפּ-אָפּ פלעצער אוועקגעשטעלט געווארן דורך דער סטעיט׳ס #VaxForKids פראגראם, נאכפאלגנדיג איבער 235 פלעצער אוועקגעשטעלט דורך דעם #VaxtoSchool קאמפיין.

לויט דאטא צוגעשטעלט דורך די CDC, האבן 42.3 פראצענט פון קינדער פון 5 ביז 11 און 82.5 פראצענט יוגנטליכע פון 12 ביז 17 באקומען ווייניגסטנס איין וואקסין דאזע. 36 פראצענט פון קינדער 5 ביז 11 און 72.6 פראצענט פון יוגנטליכע 12 ביז 17 זענען פולשטענדיג וואקסינירט. ניו יארק סטעיט פירט ווייטער דעם לאנד אין וואקסינאציעס. לויט CDC דאטא ראנקירט איצט ניו יארק סטעיט צווייט פאר פולשטענדיג וואקסינירטע 5 ביז 11 יעריגע און ערשט פאר פולשטענדיג וואקסינירטע 12 ביז 17 יעריגע צווישן די צען גרעסטע סטעיטס.

די לעצטע וואקסינאציע דעמאגראפישע דאטא געפונט זיך דא.

קינדער פינף יאר און העכער זענען בארעכטיגט פאר דעם פייזער-בייאונטעק קאָוויד-19 וואקסין. ביז יאנואר 7, 2022, זענען יוגנטליכע 12 און העכער בארעכטיגט פאר א בוסטער דאזע פון דעם פייזער-בייאונטעק וואקסין ווייניגסטנס פינף חדשים נאכ'ן פארענדיגען זייער ערשטע וואקסין סעריע. אין צוגאב זענען קינדער פון 5 ביז 11 מיט געוויסע אימיון-אפגעשוואכטע צושטאנדן בארעכטיגט פאר נאך א דאזע פון דעם פייזער-בייאונטעק וואקסין ווייניגסטנס 28 טעג נאכ'ן פארענדיגן זייער ערשטע וואקסין סעריע.

דער קאָוויד-19 וואקסין איז אומזיסט און ברייט צו באקומען איבער'ן גאנצן סטעיט, אריינגערעכנט ביי איבער 2,000 לאקאציעס וואס אדמיניסטרירן דער וואקסין פאר קינדער. אלע סטעיט מאסן וואקסינירונג פלעצער אדמיניסטרירן דעם וואקסין פאר קינדער פינף יאר און העכער, בוסטער דאזעס פאר ניו קינדער 12 יאר און העכער, און נאך דאזעס פאר אימיון-אפגעשוואכטע קינדער פון פינף יאר און העכער. אין צוגאב צו דער סטעיט'ס פּאָפּ-אָפּ און מאסן וואקסינאציע פלעצער, קענען ניו יארקער באזוכן vaccines.gov, טעקסט'ן זייער זיפ קאוד צו 438829, אדער רופן 1-800-232-0233 צו געפונען דערנעבנדע לאקאציעס.

עלטערן און אופפאסער קענען זיך אויך פארבינדן מיט זייערע קינד'ס פעדיאַטרישען, פאמיליע דאקטער, קאונטי העלט דעפארטמענטס, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערס (FQHC׳ס), רורעל העלט צענטערס, אדער פאַרמאַסיס וועלכע קענען מעגליך אדמיניסטרירן דעם וואקסין פאר דער עלטער גרופע. מאכט זיכער אז דער פראוויידער טוט אנבאטן דעם פייזער-בייאָנטעק קאוויד-19 וואקסין.

עלטערן און אויפציער ווערן דערמוטיגט זיכער צו מאכן אז זייער קינד איז אפ-טו-דעיט אויף אלע רעקאמענדירטע און געפאדערטע וואקסינאציעס, אריינגערעכנט דער פלו וואקסין. ביטע באזוכט דעם העלט דעפארטמענט׳ס וועבזייטל פאר מער אינפארמאציע אויף רעקאמענדירטע קינדהייט און יוגנטליכע אימוניזאציעס. עלטערן און אויפציער ווערן געמוטיגט צו באזוכן ny.gov/VaxForKids פאר מער אינפארמאציע און הילפס-מיטלען איבער דעם קאָוויד-19 וואקסין און קינדער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418